ב'ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרקי אבות


פרק ראשון
פרק שני
פרק שלישי
פרק רביעי
פרק חמישי
פרק שישי


### פרק שלישי

אין דריטן פרק פון מסכת אבות שטייט: דע כו' לפני מי אתה עתיד ליתן (דו זאלסט וויסן פאר וועמען דו וועסט דארפן אפגעבן א) דין וחשבון.

איז ניט פארשטאנדיק דער סדר "דין וחשבון". פריער מאכט מען דעם חשבון און לויט דעם חשבון פסקנ'ט מען דעם דין. פארוואס שטייט דא פארקערט - "דין" און דערנאך "חשבון"?

וועט מען עס פארשטיין לויט'ן ביאור פון בעל שם טוב אויף דער משנה, אויך אין דעם פרק, "ונפרעין מן האדם מדעתו ושלא מדעתו".

טייטשט דער בעש"ט: א מענטש באקומט אן עונש נאר "מדעתו", ווען ער אליין פסקנ'ט אפ דעם עונש אויף זיך, אבער "שלא מדעתו" - ער ווייסט ניט אז ער זאגט דאס אויף זיך אליין. ער מיינט אז ער פסקנ'ט אויף יענעם.

למשל: מען איז עם מזמין א צווייטן וואס האט געטאן אזא חטא ווי זיינער, און זענדיק די עבירה וואס יענער טוט, פסקנ'ט ער אויף יענעם אן עונש, אז עס קומט עם דער און דער עונש. נאך דעם גיט מען עם דעם זעלבן עונש פאר זיין עבירה.

דאס איז "מדעתו", זיין אייגענעם פסק, און "לא מדעתו", ער ווייסט ניט אז ער פסקנ'ט אויף זיך אליין.

לויט דעם וועט מען פארשטיין דעם לשון "דין וחשבון", פריער "דין" און דערנאך "חשבון". צום ערשט קומט דער "דין" וואס ער אליין פסק'נט אפ פאר אזא עבירה (וואס א צווייטער האט געטאן) און דערנאך מאכט מען דעם "חשבון" אז ער האט אליין געטאן אזא עבירה און עס קומט עם דעם זעלבן פסק דין.

(לקו"ש ח"ד ע' 1207)

אין נביא (שמואל-ב, יב, ז) געפינען מיר אן ענליכע מעשה. דוד המלך האט געוואלט חתונה האבן מיט בת שבע. האט ער געשיקט איר מאן אורי' החתי אין מלחמה צו ווערן געהרג'ט.

דערנאך האט ער חתונה געהאט מיט בת שבע. האט דער אויבערשטער געשיקט נתן הנביא צו דוד המלך מיט אזא שאלה:

עס איז געווען א רייכער מאן וואס האט געהאט פיל שעפסן און רינדער. עס איז אויך געווען אן ארימאן וואס האט נאר געהאט איין שעפס. דער קליינער שעפס איז געווען זיין גאנצער פארמעגן. אן אורח איז געקומען צום גביר צו עסן. דער גביר האט ניט געוואלט אוועקגעבן פון זיינע אייגענע שעפסן, האט ער צוגענומען דעם ארעמאנ'ס שעפס, עס געשחט'ן, אפגעקאכט און דערלאנגט צום אורח.

דוד המלך איז געווארן אין כעס אויף דעם גביר און געזאגט עס קומט אן עונש פון מיתה. האט נתן הנביא געזאגט צו דוד המלך: דו האסט געטאן די זעלבע זאך. דו האסט צוגענומען די פרוי פון אורי החתי, קומט דיר אן עונש מיתה. דוד המלך האט תשובה געטאן און ה' האט עס פארגעבן.

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"

ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## פרקי אבות

---


פרק ראשון
פרק שני
פרק שלישי
פרק רביעי
פרק חמישי
פרק שישי


---

### פרק רביעי

---

אין פערטן פרק פון אבות זאגט די משנה: שלשה כתרים הן, כתר תורה וכתר כהונה וכתר מלכות, וכתר שם טוב עולה על גביהן. פרעגן אויף דעם, די מפרשים: פארוואס רעכנט ער ניט "כתר שם טוב" מיט די אנדערע כתרים, און ער זאגט ניט "ארבעה" כתרים הן?

אויך דארף מען פארשטיין:

וואס איז אזוי גרויס די מעלה פון א גוטען נאמען, ביז עס איז גרעסער פון כתר תורה, כתר כהונה און כתר מלכות? תורה, כהונה און מלכות זיינען דאך אמת'ע מעלות, מה שאין כן כתר שם טוב איז דאך לכאורה נאר אן אויסערליכער זאך. און עס קען אמאל זיין אז מען האט א גוטען נאמען און מען האט ניט די אמת'ע מעלות. איז ווי קען זיין, אז כתר שם טוב זאל זיין גרעסער פון כתר תורה, כהונה און מלכות?

אויך דארף מען פארשטיין דעם לשון "עולה על גביהן". עס האט געדארפט שטיין "למעלה מכולם", אז דער כתר שם טוב איז גרעסער פון די אנדערע כתרים, וואס מיינט "עולה על גביהן" - אויף די אנדערע כתרים?

דער ביאור אין דעם: ווען איז כתר שם טוב א מעלה? ווען ער איז "על גביהן", ווען עס קומט *נאך* די פריערדיגע דריי כתרים. "שם טוב" אליין איז גארניט אזא מעלה, ווי געזאגט פריער אז דאס איז א אויסערליכער זאך. נאר ווען ער איז "עולה על גביהן" פון די אמת'ע מעלות איז עס א גרויסע מעלה.

דעריבער רעכנט מען ניט "כתר שם טוב" פאר א פערטע מעלה, ווייל פאר זיך אליין איז עס ניט קיין גרויסע מעלה. בשעת אבער עס זיינען דא די דריי כתרים פון תורה, כהונה און מלכות, און נאך זיי - "על גביהן" - קומט דער "כתר שם טוב", דאן איז ער "עולה", ער איז נאך העכער פון די דריי כתרים אליין.

(לקו"ש ח"ד ע' 1214)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"